**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון באנוץ מיט מער פון 30 מעגאַוואַטס פון סאלאר ענערגיע אריבער אפסטעיט ניו יארק

***ניו יארק פאווער אויטאריטעט, ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט פארענדיגן אינסטאלאציע פון מער פון 75,000 סאלאר פאנעלן — גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 7,000 היימער***

***פאנעלן וועלן רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט 4,500 טאן, איינשפארן די סטעיט 10 מיליאן דאלאר אין ענערגיע קאסטן***

***בילדער פון די סיסטעמען זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט – שטייענדיג אין 'ערד וואך' – אנאנסירט אז מער פון 30 מעגאַוואַטס (MW) פון סאלאר ענערגיע זענען אריינגעברענגט געווארן צום באנוץ אריבער אפסטעיט ניו יארק. די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) האט דעזיינט און אינסטאלירט סאלאר ענערגיע סיסטעמען ביי פינף ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט (Department of Corrections and Community Supervision, DOCCS) איינריכטונגען, באשטייענדיג פון מער פון 75,000 סאלאר פאנעלן — גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 7,000 היימער. די פראיעקטן שטיצן אויף א דירעקטן אופן די ציהלן פון ניו יארק'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) וואס רופט פאר 70 פראצענט פון ניו יארק'ס עלעקטריציטעט צו קומען פון ריינע ענערגיע קוועלער ביז 2030, אריינרעכענענדיג זעקס גיגאַוואַט פון סאלאר ביז 2025 אויפן וועג צו 10 גיגאַוואַטס ביז 2030.

"צו קענען אנקומען צו ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט און ריינע-ענערגיע ציהלן, פארלאנגען זיך היסטארישע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע מקורות," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אינסטאלירן מער פון 75,000 סאלאר פאנעלן ביי DOCCS איינריכטונגען, זעצט ניו יארק פאר צו זיין א מוסטער פאר אנדערע, אויספלאסטערנדיג די וועג צו א לעכטיגערע, גרינערע צוקונפט פאר יעדן."

די פינף סאלאר ענערגיע אינסטאלאציעס – פלאצירט ביי וועגדי, מיד-סטעיט, גרין, איסטערן און גרין העיווען סטעיט טורמעס – זענען ערווארטעט צו איינשפארן מער פון 10 מיליאן דאלאר אין ענערגיע קאסטן דורכאויס די יארן ווי לאנג זיי וועלן ארבעטן. די פאָטאָ-וואלטעאיק ענערגיע סיסטעמען ביי די וועגדי און גרין טורמעס וועלן אויפטרייבן 6.9 MW פון דיסטריביוטעד סאלאר און די רעשט פון די פלעצער וועלן אויפטרייבן 4.9 MW. אין סך הכל וועלן די פראיעקטן רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט קרוב צו 4,500 טאן — אזוי פיל ווי אראפנעמען 880 קארן פון די ראוד.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "פארברייטערן ניו יארק'ס סאלארישע מעגליכקייטן איז א קריטישע באשטאנדטייל אין די פלאן וויאזוי צו ערגרייכן די ציהלן פון ניו יארק'ס קלימאט געזעץ. די דיסטריביוּטעד סאלאר ענערגיע סיסטעמען וועלכע זענען אינסטאלירט ביי DOCCS לאקאציעס אריבער די סטעיט וועלן אויפטרייבן מער פון 10 מיליאן דאלאר אין איינגעשפארטע ענערגיע קאסטן און זיי וועלן רעדוצירן עמיסיעס בשעת'ן פירן ניו יארק ווייטער אינעם ריכטונג פון אנקומען צו אמביציעזע ריינע-ענערגיע ציהלן."

**דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט צייטווייליגער קאמישאנער, ענטאני דזש. ענוּטשי, האט געזאגט,** "די DOCCS איז שטאלץ מיט איר חלק אינעם העלפן ערפילן די גאווערנער'ס חזון צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיטן אינסטאלירן סאלאר פאנעלן אויף די שטח פון טורמעס צו באלאנסירן אונזער באנוץ מיט קארבאן. אין די צייט וואס די דעפארטמענט זעצט פאר מיט אונזער מיסיע צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט, איז עס קריטיש אז מיר זאלן אינזין האבן די השפעה וואס אונזער ארבעט האט, באזונדערס ביים שטיצן די סטעיט'ס קלימאט איניציאטיוון."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט איז ניו יארק צווישן די שטערקסטע סאלאר מארקעטס אינעם לאנד — ברענגענדיג ריינע ענערגיע פאר צוגענגליכע פרייזן צו יעדע ווינקל פון די סטעיט, אריינרעכענענדיג צו אונזערע טורמעס און קאמיוניטי אויפזיכט איינריכטונגען. די פינף פראיעקטן וועלן רעדוצירן עמיסיעס אויפן ארט און שניידן ענערגיע קאסטן פאר די טורמעס בשעת'ן אונז העלפן ערגרייכן אונזערע קלימאט געזעץ ציהלן."

די סאלאר פראיעקטן האבן אויך באקומען מער פון 5.2 מיליאן דאלאר פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט דורך NY-Sun, די סטעיט'ס 3.3 ביליאן דאלארדיגע איניציאטיוו צו מאכן פארשריט מיטן פארשפרייטן די באנוץ מיט סאלאר בשעת'ן מאכן סאלאר ענערגיע מער צוגענגליך פאר היימער, ביזנעסער און קאמיוניטיס. זינט דער פראגראם איז געעפנט געווארן איז סאלאר באנוץ אין ניו יארק געוואקסן איבער 3,000 פראצענט, אויסגענוצט 7.3 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און רעדוצירט די קאסטן מיט 73 פראצענט. עס זענען אויך דא אומגעפער 13,400 מענטשן וועלכע האבן דזשאבס אין סאלאר אין ניו יארק.

אין צוגאב צו די פינף פראיעקטן וועלכע זענען לעצטנס אריינגעקומען אין באנוץ, בויט NYPA יעצט 33 ענערגיע-שפארזאמקייט פראיעקטן ביי DOCCS איינריכטונגען מיט סך הכל קאסטן פון 124 מיליאן דאלאר וועלכע וועלן רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 27,600 מעטריק טאן — אזויפיל ווי אראפנעמען נאענט צו 6,000 קארן פון די ראוד. NYPA און די DOCCS אנטוויקלען אויך אקטיווערהייט 230 מיליאן דאלאר אין ענערגיע-שפארזאמקייט פארבעסערונג מאסנאמען וועלכע וועלן רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט נאך 22,500 מעטריק טאן.

אין די פארגאנגענע 10 יאר איז NYPA אריין אין א שותפות מיט DOCCS צו דורכפירן 46 ענערגיע-שפארזאמקייט פראיעקטן ביי 30 אנדערע איינריכטונגען, איינשפארנדיג מער פון 4 מיליאן דאלאר אין יערליכע ענערגיע און אויפהאלטונג קאסטן און רעדוצירנדיג שעדליכע גאז עמיסיעס מיט נאענט צו 17,000 מעטריק טאן.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט

אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערררייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, ארייינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, ארייינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, ארייינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

**איבער NYPA**
NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל הײדראָ-פּאַוער. NYPA פינאנצירט אירע אפעראציעס דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט איגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.nypa.gov און פאַלאָוט אונז אויף Twitter, Facebook, Instagram, Tumblr און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן